ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ר״ח סיון

**(חלק כח)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת במדבר, כז אייר־ד׳ סיון, ה׳תשפ״ה (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ראש חודש סיון

א. „בחודש השלישי גו׳ ביום הזה באו מדבר סיני . . ויחן שם ישראל נגד ההר"[1] — זאָגן חז"ל[2], אַז „ביום הזה" מיינט דעם טאָג פון ראש חודש, אַז אין דעם טאָג פון ר"ח סיון (חודש השלישי) זיינען אידן אָנגעקומען צום הר[3] סיני.

דאָס אַליין וואָס די אידן זיינען צוגעקומען צום הר סיני, נאָך איידער מ׳האָט זיי דאָרט געגעבן די תורה, איז שוין אַ מעלה נפלאה ביותר, ווי מען זאָגט אין דער הגדה „אילו קרבנו לפני הר סיני ולא נתן לנו את התורה דיינו". ווייל[4] דער עצם געפינען זיך „נגד ההר" האָט ביי די אידן אויפגעטאָן אַן עילוי נפלא, ווי חז"ל[5] זאָגן אויפן פסוק „ויחן שם ישראל" — „כאיש אחד בלב אחד"[6]: עי"ז וואָס אידן האָבן חונה געווען „נגד ההר", זיינען זיי געוואָרן באחדות גמורה, „כאיש אחד בלב אחד".

געפינט מען אַ דבר פלא, לכאורה, בנוגע ר"ח סיון:

די גמרא[7] רעכנט אויס בפרטיות ווי אַזוי משה רבינו האָט צוגעגרייט די אידן צו קבלת התורה[8] במשך די טעג פון זייער אָנקומען צום הר סיני ביז צום טאָג פון מתן תורה: ב׳ סיון „אמר להו ואתם[9] תהיו לי ממלכת כהנים"[10], ג׳ סיון — מצות הגבלה, ד׳ סיון — דער ציווי אויף פרישה, ה׳ סיון איז געווען[11] „בנה מזבח והקריב עליו קרבן" ועד לאמירת נעשה ונשמע ע"י כל ישראל; משא"כ בראש חודש סיון — דעם טאָג ווען זיי זיינען אָנגעקומען צום הר סיני — זאָגט די גמרא[12] „לא אמר להו ולא מידי משום חולשא דאורחא": היות די אידן זיינען געווען בחלישות מחמת דעם טורח[13]

1) יתרו יט, א־ב.

2) שבת פו, ב. מכילתא ופרש"י עה"פ.

3) בבחיי יתרו שם, שבר"ח באו מדבר סיני, „וביום השני נעתקו וחנו כנגד ההר" (וראה רלב"ג שהובא לקמן הערה 18). אבל מפשטות ל׳ חז"ל (שהובא לקמן בפנים) דבר"ח „לא אמר כו׳ משום חולשא דאורחא" מוכח לכאורה שלא הייתה העתקה ממקום למקום (אורחא) — ביום ב׳, שכבר היו לפני יום ב׳ נגד ההר (ולהעיר מר"ח שבת שם: ומפורש בתורה כו׳).

ולהעיר, שבבחיי שם מביא בהמשך פירושו (תוכן מחז"ל זה) ע"ד סדר ההכנה למ"ת, ומ"מ כ׳ „ביום ר"ח . . באו מדבר סיני למחרתו . . נעתקו משם וחנו נגד ההר וצונו הקב"ה כו׳" — ולא הביא דבר"ח „לא אמר להו כו׳ משום חולשא דאורחא". ואולי לא גריס תיבות אלו בש"ס (ראה רש"י שבת שם: משום חולשא דאורחא גרסינן). ואכ"מ.

4) ראה גם אלשיך יתרו שם (סד"ה והשיב). ועוד. — עוד פירושים במאמר זה ראה הגש"פ עם לקוטי טעמים ומנהגים במקומו.

5) מכילתא ופרש"י עה"פ. תיב"ע עה"פ.

6) ל׳ רש"י. ובמכילתא (ותיב"ע) שם בשינוי ל׳ (נת׳ בלקו"ש חכ"א ע׳ 101 ואילך).

7) שבת שם סע"ב ואילך (הן בדעת ר"י והן בדעת רבנן). הובא בשו"ע אדה"ז או"ח סו"ס תצד.

8) בל׳ אדה"ז שם: התחיל משה להתעסק עמהם בענין קבלת התורה.

9) יתרו שם, ו.

10) ובשו"ע אדה"ז שם מוסיף „וגו׳" — נת׳ בלקו"ש חי"ח ע׳ 20 ואילך (וראה הערה 30 שם).

11) שבת פח, א. מכילתא (ורש"י) יתרו יט י־יא. פרש"י עה"ת משפטים כד, ד. — הדיעות בחז"ל ומפרשים עד"ז נקבצו בתו"ש שם עה"פ ובמילואים לשם סכ"ז. וראה לקמן ע׳ 15 ואילך.

12) בשו"ע אדה"ז שם לא הובא ענין זה (רק ש„מיד אחר ר"ח התחיל משה כו׳"). והטעם בפשטות — כי אדה"ז מביא רק הנוגע לענינו שבשו"ע, הטעם לאי אמירת תחנון בימים אלו. וראה לקו"ש שם ע׳ 19 הערה 15.

13) ראה ר"ח שבת שם. ובמדרש לקח טוב (יתרו שם, י) „היו טרודים מן הדרך".

הדרך, האָט משה[14] אָפּגעוואַרט מיט די הכנות צו קבלת התורה ביז דעם יום שלאח״ז (ב׳ סיון).

אין פלוג איז דאָס בכלל ניט פאַר־שטאַנדיק: ס׳איז ידוע וואָס חז״ל[15] זאָגן, אַז אַרויסגייענדיק פון מצרים איז ביי אידן געווען אַ געוואַלדיקע תשוקה צו קבלת התורה, ביז אַז זיי האָבן געציילט די פאַרבליבענע טעג ביז מתן תורה. ומובן בפשטות, אַז וואָס נעענטער ס׳איז געוואָרן דער טאָג פון קבלת התורה, אַלץ גרעסער איז ביי זיי געוואָרן אָט די השתוקקות; עאכו״כ קומענדיק צום הר סיני, דעם אָרט וואו עס וועט געגעבן ווערן תורה — האָט דאָס אַוודאי און אַוודאי אַרויסגערופן ביי אידן די שטאַרקסטע געפילן פון תשוקה און צפי׳ צו קבלת התורה[16].

און מיר זעען בטבע בני אדם, אַז בשעת אַ מענטש האָט שטאַרקע געגועים צו אַ זאַך, איז ביי אים דעמאָלט ניט תופס מקום די פאַרמאַטערטקייט פון זיין גוף, אַז דאָס זאָל אים אָפּהאַלטן אין זיין באַמיאונג צו קריגן די זאַך; ובפרט ווען ער האַלט שוין נאָענט צום באַקומען דאָס צו וואָס ער איז משתוקק — פילט ער זיכער ניט דאַן די פאַרמאַטערטקייט פון גוף.

איז תמוה, אַז זייענדיק „נגד ההר״, נאָך די אַלע וואָכן און טעג פון געגועים צו קבלת התורה[16], זאָל זיך משה רבינו[14] אָפּהאַלטן פון צו מכין זיין די אידן צו קבלת התורה צוליב „חולשא דאורחא״?! און נאָך מער (ווי חז״ל זיינען מדייק) — „לא אמר להו ולא מידי״, ער האָט זיי קיין איין וואָרט **ניט געזאָגט**[17] אין דעם אַלעם (הכנה צו קבלת התורה)! אויך מצד אידן: ווי קומט עס אַז זיי האָבן מסכים געווען „אָפּצורוען״ זיך און ניט געמאָנט ביי משה׳ן, אַז ער זאָל זיי לאָזן הערן עפּעס וואָס (לכה״פ) וועגן קבלת התורה!

ובפרט, אַז דאָ איז ניט געווען קיין גרויסע „טירחא דאורחא״ וואָס זאָל גורם זיין אַ גרויסע חלישות — וואָרום: (א) פון רפידים ביז הר סיני איז ניט קיין גרויסער מרחק[18]. (ב) דער עצם גיין איז ניט געווען פאַרבונדן מיט קיין טירחא יתירה, וואָרום דער ענן הכבוד איז דאָך געגאַנגען פאָראויס און „כל הנמוך מג־

---

14) כ״ה בר״ח שבת שם, דהקב״ה אמר למשה אתם ראיתם גו׳ בר״ח, ו„ההוא יומא לא אמר להו משה לישראל מידי משום חולשא דאורחא וטרחי״״. — ולפי פרש״י שם (סע״ב. וכ״כ בפירושו עה״ת יתרו יט, ג) דמשה עלה רק בהשכמה דיום שני, צריך לומר, שהקב״ה לא אמר למשה לעלות בר״ח (ולמסור מידי לבנ״י) משום חולשא דאורחא (רא״ם יתרו שם. וראה בארוכה השקו״ט במפרשי רש״י שם. חדא״ג מהרש״א שם (פז, א ד״ה בתרי) ועוד. ואכ״מ). וראה לקמן הערה 17.

15) „הגדה״ הובאה בר״ן סוף פסחים. ועוד (נסמן בלקו״ש חכ״ב ע׳ 114 הערה 2).

16) ובפרט עפמ״ש באוה״ח יתרו יט, א. וראה רמב״ן שם.

17) אבל ראה פרש״י שבת פז, א ד״ה לכדתניא (וד״ה ששי) ובמהרש״א שם (וכ״ה בחידושי הר״ן שם בשם הרא״ה).

18) ראה רמב״ן בשלח יז, ה. ראב״ע בפי׳ הקצר שם (ושם, ט). אברבנאל שם (ובפ׳ יתרו שם בסוף פירושו עה״פ ויסעו מרפידים גו׳)*.

אבל בראב״ע יתרו שם (סוף פסוק א) דמרפידים לה״ס „הי׳ רב יותר ממרחק כל מסע״ — הובא ברלב״ג שם, וממשיך: ועכ״ז הגיעו במדבר סיני ביום ההוא בעינו ולזה חנו שם במדבר שלא להטריחם יותר מן הראוי ואחר שכבר חנו שם זמן מה שבו לחנות נגד ההר. ואכ״מ.

---

*) ולהעיר שלחד מ״ד (שבת פז, ריש ע״ב) **לא** באו למדבר סיני ביום שנסעו מרפידים (ראה רש״י שם ד״ה למסען) — היינו שנסעו בר״ח רק מקצת הדרך. וראה חדא״ג מהרש״א שבהערה 14.

ביהו וכל הגבוה משפילו״[19], אַזוי אַז ס'איז געווען אַ הליכה בדרך מישור. (ג) ר״ח סיון איז געווען ביום ראשון (אָדער ביום ב'[20]) בסמיכות למנוחה שלימה[21] פון שבת[22].

איז דאָך נאָכמער תמוה: פאַרוואָס איז ביי אידן געווען אַזאַ גרויסע חלישות, אַז צוליב דעם זאָלן זיי ניט זיין מסוגל צו קענען הערן אפילו איין וואָרט („ולא מידי״) וועגן קבלת התורה?

ב. ויש לומר דעם ביאור אין דעם:

מיט „חולשא דאורחא״ מיינען חז״ל ניט (אַזוי) די חלישות הגוף פון דער גשמיות'דיקער הליכה בדרך, נאָר (בעיקר) די חלישות רוחנית מצד דער רוחניות'דיקער הליכה ב„דרך״ וואָס די אידן האָבן דעמאָלט דורכגעמאַכט.

פונקט ווי ס'איז פאַראַן הליכה גשמיית בדרך ממקום למקום גשמי, אַזוי איז פאַראַן דער ענין פון הליכה רוחנית ב„דרך״ הרוחנית[23] — דער אדם גייט פון איין מצב (מקום[24]) ברוחניות צו אַ צווייטן מצב (מקום) ברוחניות — בעלי' אָדער בירידה, אָדער בשינוי צו אַן אַנדער ענין — און דאָס קען זיין במדות (שבלב — אהבה יראה כו'), בשכל (שבמוח — הבנתו בשכל וכו'), אָדער אופנים ודרגות בעבודת השם,

דאָס אַלעס איז „הליכה בדרך״ ברוחניות.

ובעניננו: די מסעות וואָס אידן זיינען געגאַנגען פון מצרים ביז הר סיני זיינען געווען ניט נאָר אַ הליכה גשמית, נאָר אויך ובעיקר אַ הליכה רוחנית, אַ שינוי אין דעם מצב הרוחני פון אידן און אַן עלי' בעבודת השם — און ווערן אַלץ מער נעענטער און מער ראוי צו קבלת התורה. ווי עס שטייט אין ספרים[25] אַז זייענדיק אין מצרים זיינען אידן געווען שקועים אין מ״ט שערי טומאה, און יעדער טאָג איז געווען אַ (ספירה ו)עלי' פון די שערים — ביז נאָך מ״ט עליות זיינען זיי נתעלה געוואָרן לגמרי — צו זיין אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש״ ביי מ״ת.

די אַלע „מסעות״ — עליות אין עבודת השם — זיינען געווען אין אַן אופן מסודר, אַן עלי' מדרגא לדרגא; אָבער די עלי' ביי דעם מסע פון רפידים צום הר סיני איז געווען באופן של שינוי עיקרי[26] — זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ „מרחק״ גדול (ברוחניות) און נתעלה געוואָרן באין ערוך צו די הליכות ועליות פון די טעג פאַר דעם — איז מובן אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויס „טירחא״ ויגיעה (בעבודת השם).

ג. די אויסגעטייטלטקייט פון דעם מסע גיבן אַרויס חז״ל במאמרם הנ״ל (אויפן פסוק „ויחן שם ישראל״) —

19) מכילתא בשלח יג, כא. ספרי ורש״י בהעלותך י, לד.

20) לדעת רבנן (שבת שם רע״א).

21) למ״ד (שבת שם ריש ע״ב) דבמרה „אתחומין נמי איפקוד״.

22) שכבר נצטוו עלי' לפני זה במרה (שבת שם. סנהדרין נו, ב. מכילתא ורש״י בשלח טו, כה. רש״י משפטים (כד, ג), ואתחנן (ה, יב). ועוד).

23) להעיר מביאוה״ז לאדהאמ״צ ולהצ״צ (כרך ב) ר״פ וישלח.

24) מו״נ ח״א פ״ח. וראה הל' יסוה״ת פ״ב ה״ו. הצ״צ בלקוטי פי' על המו״נ מע' מקום (בסו״ס החקירה ע' 148 ואילך).

25) זהר חדש ר״פ יתרו. וראה זח״ג צז, א־ב. לקו״ת פרשתנו יז, ג. ובכ״מ.

26) ולהעיר ממחז״ל (מכילתא בשלח יז, ח. בכורות ה, ב) דרפידים היינו „שרפו ישראל ידיהם מד״ת״ — ומשם נסעו להר״ס, מקום קבלת התורה.

„כאיש אחד בלב אחד אבל שאר כל החניות בתרעומות ובמחלוקת"[27]: ביי „שאר כל החניות" זיינען געווען תרעומות ומחלוקת, און דוקא ביי דער חני' נגד ההר זיינען די אידן געשטאַנען אין אַן אחדות גמורה, „כאיש אחד בלב אחד".

וי"ל: דער פירוש פון „שאר כל החניות בתרעומות ובמחלוקת" איז ניט ח"ו אין פשוט'ן זין, אַז ביי אַלע חניות איז ביי זיי געווען מחלוקת אין ענינים גשמיים וכיו"ב, נאָר ס'איז אַ — מחלוקת לשם שמים[28]. וואָרום מצד הטבע שהטביע הקב"ה בבני אדם איז „אין דיעותיהן שוות"[29]; און נאָכמער — אין תורה עצמה זיינען פאַראַן דיעות חלוקות (און נאָכמער: „לא[30] ניתנו דברי תורה חתוכין אלא כל דבר כו' מ"ט פנים טהור ומ"ט פנים טמא") — ואלו ואלו דברי אלקים חיים[31]. איז עפ"ז מובן אַז מצד הטבע דקדושה וסדר הענינים ברוחניות זיינען „שאר כל החניות" געווען מיט מחלוקת לשם שמים.

אָבער שטייענדיק „נגד ההר", האָט זיך ביי די אידן אויפגעטאָן אַ חידוש עיקרי (היפך הטבע), אַז עס זיינען ביי זיי בטל געוואָרן אַלע חילוקי דיעות און זיי זיינען נתאחד געוואָרן „כאיש אחד (און נאָכמער) בלב אחד": ניט נאָר כאיש אחד מיט אַן אחדות וואָס עיני בשר זעען זיי אַלע „כאיש אחד" בנוגע לעשי' וכו' (אַז אַלע אידן זיינען מסכים ומחליט בהחלטה אחת בנוגע לעשי' וכו' בפועל[32]), נאָר אויך „בלב אחד" — אַן אחדות גמורה, אויך דער לב (רגש) האדם.

ומובן, אַז אַזאַ גרויסע טירחא, השתד־לות ויגיעה רוחנית צו דערגרייכן אָט די אחדות (וואָס איז אַ גאָר „ווייטער מהלך" ברוחניות, צו מבטל זיין יעדע תנועה פון מחלוקת, אויך מחלוקת לשם שמים, ואפילו בלבו בלבד) האָט געמוזט פועל זיין אויף די אידן אַ גרויסע אויס־געמאַטערטקייט — און דעריבער „לא אמר להו ולא מידי".

ד. אַ טיפערער ביאור י"ל אין דעם:

„חולשא דאורחא" איז ניט נאָר אַן ענין פון חסרון (אַז מצד דער חלישות פון אידן האָבן זיי זיך ניט געקענט פאַרנעמען מיט די הכנות צו קבלת התורה) — נאָר בענינו זה אדרבה: „חול־שא דאורחא" דאָ איז אַ מעלה ועלי' במצבם של ישראל, וי"ל בדרך אפשר, אַז זי איז הענכער אויך פון די שפעטערדיקע עניני הכנה פון די ימים שלאחרי זה.

ובהקדים: עס איז אין לשער דעם ריחוק הערך צווישן משה רבינו און דעם פשוט שבפשוטים שבישראל — און דאָ זאָגט מען „ויחן שם ישראל", אַז אַלע אידן (פון משה רבינו ביז הפשוט שבפשוטים), זיינען נתאחד געוואָרן בא־חדות גמורה (בלב אחד), און פשיטא ניט באופן דמצות אנשים מלומדה ח"ו[33] נאָר מיט אַן אחדות אמיתית.

איז דערפון מובן, אַז ביי אידן איז פאַראַן אַ נקודה שבלב אין וועלכער עס גלייכן זיך אויס („כאיש אחד בלב אחד")

27) ל' רש"י. ובמכילתא שם בשינוי ל' (נת' בלקו"ש חכ"א ע' 101 ואילך, ע' 108 ואילך).

28) ראה בארוכה לקו"ש שם ע' 109 ואילך.

29) ראה ברכות נח, א. סנהדרין לח, א. ועוד.

30) מדרש תהלים יב, ז. וראה ירושלמי סנהדרין פ"ד ה"ב.

31) עירובין יג, ב. וש"נ.

32) ראה בארוכה לקו"ש שם ע' 102 ואילך.

33) להעיר ממכילתא יתרו יט, ח: לא ענו כו' אלא הושוו כולם לב אחד.

דער גדול שבגדולים מיטן פשוט שבפשוטים. און אין דעם איז באַשטאַנען דער אויפטו פון „ויחן שם ישראל נגד ההר": שטייענדיק „נגד ההר" אויף צו זיין: „קיבל תורה מסיני"[34] איז ביי זיי נתגלה געוואָרן די נקודה שבלב וואָס גלייכט זיי אויס אַלע ווי איינער, אין דעם[35] באַשטייט דער עיקר הכנה צו קבלת התורה.

**ה. די הסברה אין דעם:**

מ'האָט שוין גערעדט כמה פעמים וועגן דעם חידוש ביי (און — פון) מתן תורה

— דלכאורה: לימוד התורה איז דאָך געווען אויך אין די פריערדיקע דורות פאַר מ"ת, ולדוגמא — ישיבת שם ועבר, די אבות שלמדו כל התורה כולה עד שלא ניתנה, ועד"ז בניהם אחריהם (לפני מ"ת) ביז אַז לא פסקה ישיבה[36] מאבותינו במצרים[37]; אין וואָס באַשטייט דער חידוש במתן תורה? —

ונתבאר אַז דער אויפטו באַשטייט אין דעם וואָס דעמאָלט איז געווען מתן תורה, „נתן לנו את תורתו", זי איז געגעבן געוואָרן פונעם נותן התורה; לפני מ"ת האָט מען „גענומען" תורה, מיט און לויט דעם אייגענעם כח (השכל והביטול). בשעת מ"ת האָט דער אויבער־שטער געגעבן תורה לויטן אופן וכח הנתינה שלו. ביי מ"ת איז געווען[38] „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר", לאמר דעם „וידבר אלקים"[39] (ועד"ז דערנאָך, האָט משה רבינו בהר געלערנט כל התורה כולה מפי הגבורה ונתנה כו').

און דאָס איז געווען ניט אַן איינ־מאָליקע זאַך, נאָר ביים געבן די תורה האָט דער אויבערשטער, כביכול, זיך „אַריינגעגעבן" אין דער תורה (כפירוש הידוע במאמר חז"ל[40] „אנא נפשי כתבית יהבית"), אַזוי אַז בשעת אַ איד לערנט תורה באיזה ובכל זמן שיהי' — דאַרף עס זיין בהקדמת האמירה והברכה „נתן לנו את תורתו", „אותי[41] אתם לוקחים".

---

34) אשר בשעת מ"ת, שאז „וידבר אלקים את כל הדברים . . לאמור" (אפילו מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש – ראה לקמן סעיף ה) קבלו זה כל בנ"י ועד שפרחה נשמתם על כל דיבור כו' (שבת פח, ב. — בשבת שם „יצתה", אבל בתניא (רפל"ד. פל"ו) ובכ"מ הובא „פרחה". וראה שמו"ר פכ"ט, ד. שהש"ר פ"ה, טז (ג)).

35) ולהעיר ממחז"ל שע"י השלום והאחדות ד„ויחן שם ישראל" נעשו ישראל מוכנים לתורה (ראה ויק"ר פ"ט, ט. דא"ז פרק השלום. וראה גם תנחומא (באבער) יתרו ט).

36) וי"ל דרומז לאופן דלא פסיק פומי' מגירסא (שבת ל, ריש ע"ב. ב"מ פו, א), דרגא נעלית ב„תורתו אומנתו" סתם (עלי' אמרו ולא מודה ר"ש שמפסיקין לעשות סוכה כו' (ירושלמי ברכות פ"א ה"ב. שבת פ"א ה"ב)).

37) יומא כח, ב (כגירסת הע"י. וכ"ה ביל"ש ח"ש רמז קד. וראה דק"ס יומא שם).

38) כתחילת עשה"ד (יתרו כ, א).

39) להעיר מענין שכינה מדברת מתוך גרונו*. וראה לקו"ת ד"ה וידבר אלקים (במדבר טו, ג. שה"ש כה, ג). לקו"ת שה"ש מב, סע"א. תו"א ד"ה בחודש השלישי (סז, ב). ולהעיר מפי' התחלת התפלה (ברכות ד, ב. ט, ב) שכאו"א אומר ופי (רק) יגיד (ימשיך בדיבורו) תהלתך (לקו"ת שה"ש מא, א. סה"מ תרכ"ז ע' תמג. ועוד).

40) שבת קה, א (כגירסת הע"י). לקו"ת שלח מח, סע"ד ואילך. אוה"ת יתרו ע' תתקא ואילך. ועוד.

41) ל' התנחומא אמור יז. וראה שמו"ר פל"ג, א. שם, ו. ועוד. — וראה תניא פמ"ז.

---

*) מחז"ל הובא בכ"מ (או"ת להה"מ בחוקותי מג, סע"ג. תניא פל"ד. אגה"ק סכ"ה (קלט, ריש ע"ב). ועוד). וראה לקו"ת ואתחנן ג, ד ובהנסמן במ"מ שם (הוצאת קה"ת תשד"מ ושלאח"ז).

און דאָס איז דער חידוש פון אתה נגלית כו׳ פון מ״ת — עס איז ניט נאָר צוגעקומען אַ הוספה ועלי׳ לגבי לפני מ״ת, נאָר עס האָט זיך אויפגעטאָן אַ חידוש וואָס איז שלא בערך כלל: לפני מ״ת, ווען לימוד התורה איז געווען מצד דעם אייגענעם כח, כח השכל וכו׳, איז מובן, אַז מ׳האָט גענומען פון תורה נאָר אַזויפיל וויפל דער לומד איז בכח צו משיג זיין פון חכמתו של הקב״ה; משא״כ נאָך מ״ת, איז דער לימוד התורה באופן, אַז מען פאַרבינדט זיך דורכדעם מיט דעם נותן התורה עצמו, וואָס האָט אַליין זיך אַריינגעגעבן בתורתו.

ו. און דאָס איז פאַרבונדן מיט „ויחן שם ישראל — כאיש אחד בלב אחד״:

די חילוקים ביי לימוד התורה צווישן איין איד מיט אַ צווייטן אידן (ביז צום חילוק הכי גדול צווישן משה רבינו און אַ פשוט שבפשוטים) זיינען בנוגע השגת התורה, וואָס איין איד האָט מצד כחות נפשו אַ גרעסערע און אַ העכערע הבנה והשגה אין תורה, ווי דאָס האָט אַ צווייטער איד; ביז אַ חילוק באין ערוך.

אָבער דאָס וואָס אַ איד פאַרבינדט זיך דורך לימוד התורה, ער איז כולא חד מיטן נותן התורה — איז דאָס באַ דעם גדול שבגדולים און דעם קטן שבקטנים. דער „אותי[42] אתם לוקחים״ איז ביי אַן איש פשוט וואָס לערנט „מקרא״[43] (אפילו ווען ער פאַרשטייט ניט וואָס ער לערנט — מוז ער מקדים זיין אַז „ונתן לנו את תורתו״[44] כנ״ל) איז דאָס דער זעלבער „אותי״[45] וואָס ביי דעם למדן גדול וואָס האָט אַ גאָר טיפער הבנה והשגה אין תורה און איז אין דעם מחדש חידושים אמיתיים.

דער עילוי פון „אותי אתם לוקחים״ (ווערט ניט דערגרייכט דורך אייגענע כחות, נאָר) קומט מלמעלה, ווייל „נתן לנו את תורתו״.

און דער ענין איז פאַרבונדן מיטן לב פון אידן, ווייל אין (פנימיות ונקודת ה)לב פון אַ אידן איז מאיר יחידה שבנפש[46], העכער לגמרי פון זיין השגה וטעם ודעת (וואָס אין דער נקודה איז ביי יעדן אידן זיין אמונה אין אויבערשטן, למעלה מטעם ודעת[47]).

און דאָס מיינט „ויחן שם ישראל — כאיש אחד בלב אחד״: קומענדיק „נגד ההר״, וואו עס האָט געדאַרפט זיין מעמד הר סיני, מתן תורה, האָט דאָס ביי אידן אַרויסגערופן די התגלות פון זייער פנימיות ונקודת הלב, וואָס איז ביי אַלע אידן בשווה — און דער גילוי הנקודה שבלב האָט זיי געמאַכט פאַר אַ כלי צו דער ג־טלעכקייט פון תורה, צום „וידבר אלקים (ביז עס ווערט) לאמור״.

ז. אָבער די הכנה פון „ויחן שם ישראל . . בלב אחד״ איז נאָר די ערשטע דרגא אין דער הכנה צו מ״ת. דורך דער

42) ע״ד „כולם ידעו אותי״ (ירמי׳ לא, לג). וראה לקמן הערה 45.

43) עיין בארוכה ד״ה ויגדלו תרע״ה (בהמשך תער״ב ח״ב).

44) ראה הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב סי״ב. וש״נ.

45) והחילוקים שבבנ״י (עד להחילוק שבין משה רבינו והפשוט שבפשוטים) הוא רק בהגילוי ד„אותי אתם לוקחים״, ועד כמה הוא מתייחד עם האדם. — ולהעיר מתניא ספ״ד: שאין הפרש כו׳.

ולעת״ל יתגלה ה„אותי״ בכאו״א באופן של ידעו — ולכן „לא ילמדו עוד איש את רעהו (בהנוגע ל„אותי״ —) . . למקטנם ועד גדולם״ (ירמי׳ שם).

46) ראה לקו״ש שם ע׳ 106. וש״נ.

47) ראה תניא פי״ח־יט.

מעלה נפלאה פון ביטול ואחדות ווערט מען אַ כלי צו תורה. אָבער דער תכלית פון תורה איז, אַז מען זאָל זי לערנען, מיט הבנה והשגה — און דערפאַר האָט זיך בהתאם לזה געפאָדערט אַ גאַנצער סדר פון הכנות צו מ"ת.

די כוונה פון מתן תורה איז, אַז דער אדם זאָל זיך פאַראייניקן מיט תורה, ביז אַז דאָס זאָל ווערן זיין חיות ומציאות. און דעריבער מוז תורה גענומען ווערן (אויך) דורך לימוד, השגה והבנת השכל. בשעת מען פאַרשטייט אַן ענין בשכל ווערט דער מושכל נתפס אין דעם שכל האדם ביז עס ווערט (אַ טייל פון) זיין מציאות (ע"ד ווי דער מזון פון לחם וואָס ווערט דם ובשר כבשרו), ובלשון התניא[48] — עס ווערט אַ „יחוד נפלא" צווישן און פון דעם „משכיל" מיטן „מושכל".

קומט אויס, אַז דורך השגת התורה נעמט אַ איד אַריין און ווערט נתאחד און נתייחד מיט דעם „דבר הוי'" (וואָס איז העכער פון עולם לגמרי)[49].

און דאָס זיינען געווען די צוויי סוגי הכנה פון אידן צו קבלת התורה:

די ערשטע **הכנה** צו מ"ת איז[50] כנ"ל — „ויחן שם ישראל, כאיש אחד בלב אחד": תכלית הביטול[51], וואָס פועל'ט אַז אַלע אידן זאָלן זיין „כאיש אחד בלב אחד" — די כללית'דיקע הכנה פון כלל ישראל כאחד.

אָבער פון שני בסיון איז „התחיל משה להתעסק **עמהם בענין** קבלת **התורה**"[52], וואָס דערמיט ווערן געמיינט די עניני הכנה וועלכע טוען אויף אַז די מציאות האדם (ניט נאָר מצד יחידה שבפנימיות הלב) זאָל זיין מתאים וראוי וכלי קיבול צו קבלת התורה: „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים", מצות הגבלה ופרישה כו', וואָס זיי האָבן אידן הייליק געמאַכט וכו' — און אין די הכנות זיינען פאַראַן חילוקים צווישן אידן[53], יעדערער לויט זיין מדריגה אין עבודת השם [ביז מ'געפינט אַז ביי קבלת התורה עצמה זיינען געווען חילוקים ביי אידן: משה[54] מחיצה לעצמו וכו' — אָבער ביי אַלעמען[55] איז געווען „פרחה נשמתן"[56]

48) שם פ"ה. ע"ש באורך.

49) ראה תניא שם: ה"ז משיג ותופס . . רצונו וחכמתו של הקב"ה דלית מחשבה תפיסא בי' כו'.

50) ולהעיר מתו"א יתרו (סז, ג) דבר"ח סיון „נעשו אז ישראל מוכנים ועומדים לקבל בחי' בטול זה". ע"ש (ושם קט, ג).

51) וכן בלימוד התורה לאחרי מ"ת צ"ל „ברכו בתורה תחלה" (נדרים פא, א. ב"מ פה, ריש ע"ב), שענינו — הביטול לנותן התורה, ובלשון הב"ח (לטאו"ח ר"ס מז) „שתתעצם נשמתינו בעצמות ורוחניות וקדושת מקור מוצא התורה" (ע"ש באורך).

52) ל' אדה"ז בשו"ע או"ח שם.

53) ולהעיר ממכילתא עה"פ „ויענו כל העם יחדיו גו'" (הובא בהערה 33): הושוו כולם לב אחד, דמשמע קצת שבנתיים לא היו „יחדיו". וראה גם פדר"א פמ"א.

54) מכילתא ורש"י יתרו יט, כד.

55) ומ"ש בזה בחדא"ג שבת (פח, ב) לפענ"ד צע"ג.

56) וגם במשה (שהרי בודאי גם אצל משה הי' הגילוי ד„טל תחי'" — שבת שם).

בתניא רפל"ד מבואר ד„מדרגת משה רבינו ע"ה היא העולה על כולנה שאמרו עליו שכינה מדברת מתוך גרונו של משה ומעין זה זכו ישראל במעמד הר סיני רק שלא יכלו לסבול כמאמר רז"ל שעל כל דיבור פרחה נשמתן כו'". ומזה משמע לכאורה, שאצל משה לא הוצרך להיות „פרחה נשמתו" (כמו שלא פרחה נשמתו כששכינה מדברת מתוך גרונו). וכן מפורש בלקו"ת במדבר

און „על כל דבור ודבור"[57].

און דאָס זאָגט די גמרא „לא אמר להו ולא מידי משום חולשא דאורחא": די „אורחא" – הליכה רוחנית, אַז אַלע אידן (פון משה רבינו ביז דעם פשוט שבפשוטים שבישראל) זאָלן נתאחד ווערן, איז פאַרבונדן מיט „חולשא" (למעליותא), אַ חלישות וביטול אין אידן. און בהתאם לזה – „לא אמר להו ולא מידי": די הכנה איז ניט פאַרבונדן מיט אמירה, נאָר דאָס איז אַן ענין פון „לא אמר" – שתיקה וביטול.

ולאחרי ווי מ'האָט דערגרייכט דעם ביטול (מצד וועלכן אַלע אידן זיינען „כאיש אחד בלב אחד") – פאָדערט זיך אַז אידן זאָלן זיך אַראָפּטראָגן פון דעם ביטול עצום און פאַרנעמען זיך מיט די אַנדערע עניני הכנה, ווייל דוקא דורך דעם פירט זיך דורך דער תכלית פון תורה – דער „יחוד נפלא" צוזאַמען מיט – אותי, **אותי אתם לוקחים**.

(משיחת ש"פ במדבר תשמ"ג)

---

(יד, א) ע"פ ויק"ר בתחלתו. וראה גם המשך תער"ב ח"ב ע' תתקלא.

אבל עכצ"ל דהגילוי דמ"ת, „פנים בפנים", הוא למעלה מהגילוי ד„שכינה* מדברת כו'", ובשביל גילוי זה** י"ל שגם אצל משה פרחה נשמתו (מכיון שצע"ג לומר שאצל משה רבינו הי' חסר העילוי דטל תחי', כנ"ל). ועצ"ע. ואכ"מ.

57) נסמן לעיל הערה 34.

---

*) כפשוט גודל החילוק דשכינה ופב"פ.

**) וגם בלקו"ת שם מדובר (רק) בגילוי אוא"ס שב**חכמה** (ע"ש), ולא הגילוי ד„**פנים בפנים**", פנימיות ועצמות אוא"ס ב"ה.